

# רבי אביגדור ענטפערט...

לך
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"ד

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

## פראגע

**מענטשן וואס מופן פון דרויסנדיגע געגנטער צו ברוקלין, זענען אסאך מאל נישט פרייליך, וואסערע עצה קען מען זיי געבן?**

## ענטפער:

**זאג** זיי אז זיי זאלן גוט צולייגן קאפ וואס גייט יעצט געזאגט ווערן.

פרייליכקייט אין לעבן איז **נישט** איבער מען ווערט געבוירן אויף א געוויסע פלאץ, און פרייליכקייט אין לעבן איז נישט צו האבן ביימער און גארטנס פארנט פון די הויז. פרייליכקייט אין לעבן איז צו **דערגרייכן** דעם ציל פארוואס מיר זענען דא, און **די ציל** פון לעבן איז דאס וואס מיר האבן היינט דא גערעדט.

ברוקלין איז דער פלאץ וואו מען קען דערגרייכן מער ווי אין סיי־וועלכע פלאץ אין אמעריקע. איך וויל נישט זאגן אין די גאנצע וועלט. איך קען אייך נישט זאגן וואס טוט זיך אין מאה שערים אדער אין בני ברק, אבער עס איז קיין שום ספק: איבער מענטשן וואלטן פארשטאנען די גאלדן-גרוב וואס ברוקלין איז, וואלט ברוקלין געווען געפאקט מיט אידן, אז עס וואלט נישט געבליבן מער קיין פלאץ פאר קיינעם אנדערש.

דו האסט דא אין ברוקלין די מירער ישיבה, חיים ברלין, תורה ודעת, אלע גרויסע בית יעקב שולעס... די הערליכסטע מוסדות זענען דא. און איבעראל ארום זיי זענען דא אינגעלייט וועלכע לערנען אין די ישיבות; בחורים און משפחות וואס זענען פארבינדן מיט זיי. דערנאך זענען דא אזויפיל שטיבלעך, פרומע הייזער, מען גייט דורך און מען זעט גרויסע מזוזות, משפחות מיט אסאך קינדער.

אלע די פלעצער ווי פרומע אידן וואוינען – בארא פארק, וויליאמסבורג, קראון הייטס... איר דארפט וויסן אז עס איז א פארמעגן, ס'איז ממש א גאלדענע געלעגנהייט. בלויז אראפצושפאצירן די גאס און זען די גרויסע מזוזות.

יעצט לייגט צו קאפ צו וואס איך גיי אייך זאגן! איר גייט דורך און איר זעט די הייזער מיט די גרויסע מזוזה, זאגט "די מענטשן אין די הויז זאלן לעבן לאנג", זאג עס, די געלעגנהייט איז א גאלדן-מינע. אויב איר וואוינט – לאמיר זאגן – אין "דעט מוינס", אדער ערגעצוואו אין די דרום-באנד, און איר גייט דורך די הייזער קען דורכגיין אסאך צייט און איר וועט נישט זען קיין מזוזות, אבער דא – **גרויסע מזוזות!**

טא, שטעל דיך אפ און זאג: זיי זאלן לעבן לאנג, זיי זאלן האבן אסאך געלט, זיי זאלן האבן די שענסטע און קלוגסטע קינדער, און זיי זאלן האבן נחת פון זייערע קינדער, און אלע זאלן זיין געזונט. און אלע זאלן טון די בעסטע שידוכים... זאג עס! עס קאסט נישט קיין געלט. און אט די הויז האט דיר שוין געמאכט רייך בלויז מיט'ן דורכגיין! איר זענט א רייכער מענטש און אייערע טאשן זענען פול מיט געלט מיט'ן דורכגיין.

דערנאך דאס קומענדיגע הויז, נאך א שאנס. אויב וועט איר נעמען די מיה און זאגן דעם "מי שברך" נאכאמאל, דארפט איר וויסן אז איר **לעבט**! דאס הייסט געלעבט! ווען איר שפאנט אויף די גאסן וואו עס זענען דא פרומע אידן, איינס נאכן אנדערן, זאלט איר וויסן אז איר שפאנט אויף **אדמת קודש**, עס איז הייליגע ערד. אויסדרוקליך הייליגע ערד; און איר זאלט באקומען די השקפה אז איר שפאנט אויף הייליגע ערד.

דאס איז וואס מיר דארפן אויסלערנען די מענטשן

וועלכע זענען נישט צופרידן. וואו ווילסטו צוריק מופן? צו א מדבר? א פלאץ וואו די לופט האט א שלעכטע גערוך? דא אין ברוקלין איז דא די בעסטע לופט... לופט וואס איז פול מיט קדושה, צניעות – איך רעד יעצט וועגן די פרומע קווארטאלן.

אז זיי וועלן דאס פארשטיין וועלן זיי וועלן בלייבן וואוינען דא אויף אייביגע אייביגקייטן! עס איז א שאד צו שטארבן און זיך געזעגענען פון אזעלכע גוטע געגנטער וואו פרומע אידן וואוינען.

פראגע

## זאל א ישיבה בחור זיך רעגיסטרירן צו שטימען אין די וואלן?

**ענטפער:**

**עס** ווענד זיך. אויב ער ווייסט וויאזוי צו שטימען, דעמאלטס - יא. אבער אויב נישט, זאל ער נישט.

יעצט אסאך מאל איז עס א שאלה צווישן דעם שווינדלער און א צווייטער שווינדלער, דעמאלטס איז עס א שאד די צייט. אבער אויב האסטו א ספעציעלע כונה מיט'ן שטימען, דאן אויסדרוקליך! ווייל מיר דארפן לייגן אונזער געוויכט אינעם ריכטיגן דירעקציע.

היינט צו טאגס איז וויכטיג צו ווארפן אונזער געוויכט אנטקעגן די ליבעראלן. סיי–וואס מען קען טון קעגן די ליבעראלן. עס איז א גרויסע טראגעדיע אז די אידן זענען נישט אינפארמירט וועגן די סכנה. די ליבעראלן לייגן אין א סכנה אונזער זיכערהייט. אידישע ליבעראלן ברענגען אונטער דאס לאנד.

און סיי–וואס מען קען טון קעגן צו שטימען קעגן א מענטש וואס איז קעגן טויט-שטראף, טו עס. אויב א מענטש איז קעגן טויט-שטראף, שטים קעגן אים! אויב א מענטש איז פאר חוקי תועבה, שטים קעגן אים! אויב א מענטש איז פאר E.R.A. שטים קעגן אים! שטימט בלויז פאר די וועלכע ווילן אויפהאלטן די סטאנדארט מיט וואס דאס לאנד האט געלעבט ביז יעצט. שטימט פאר די וועלכע ווילן מאכן אמעריקע שטארק. באוואפנט! נישט אויפגעבן וואפנס.

שטימט קעגן די וועלכע ווילן אויסגעבן מער געלט פאר הילפ'ס פראגראמען. ס'איז זייער א נידריגע זאך וואס פרעזידענט קארטער האט געטון; ער האט געמאכט א נאציאנאלע קאבינעט פאר עדיוקאציע און ער האט געלייגט א פרוי אין שפיץ פון דעם. ביז יעצט, אויב איינער האט געוואלט מטמא זיין די עדיוקאציע סיסטעם האט עס געטון דורך די סטעיט און סיטי קאנאלן. יעצט גייט עס געטון ווערן אויף א נאציאנאלע פארנעם. קארטער איז א ליבעראל און ער האט אנגעהויבן עפעס ניי. עס וועט אפקאסטן א הויפן פון געלט; ביליאנען וועט עס קאסטן, און דאס אלעס וועט גיין צו קארופטירן אמעריקע.

סיי–וואס מיר קענען טון ארויסצושטויסן די ליבעראלן זאלן מיר אודאי טון. (289 #)

פראגע

## וואס קענען מיר לערנען פון די לעצטיגע "וועלט סעריע" שפיל?

**ענטפער:**

**מיר** קענען פון דעם לערנען אז עס זענען דא אסאך קלעצער אויף דער וועלט.

אויב אזוי סך מענטשן צאלן געלט פאר איינטריט און זענען אינטערעסירט עס אויסצוהערן אויף די ראדיאו און טעלעוויזיע, ווייזט עס אז מיר דארפן זיין שטאלץ מיט זיך. אין אזא דור, אויב מיר בלייבן נאך נארמאל זענען מיר עפעס! (286 #)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# דער צווייטער באנד!




פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!

אידיש!

## פרישע הונדערטער
## פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב